26 שטיין. און אויב דער שטן טרייבט אַרויס דעם שטן,
איז ער נישט אייניק מיט זיך אַליין; וויאַזוי זשע
27 וועט זיין קעניגרייך האָבן אַ קיום? און אויב איך
טרייב אַרויס בייזע גייסטער דורך דעם בעל זבול,
דורך וועמען טרייבן אייערע קינדער זיי אַרויס?
28 דערפאַר וועלן זיי זיין אייערע שופטים. אויב
אָבער איך טרייב אַרויס די בייזע גייסטער דורך דעם
גייסט פון ג-ט, אַזוי איז שוין ג-טס קעניגרייך
29 געקומען צו אייך. אָדער ווי אַזוי קען עמיצער
אַריינגיין אין דעם הויז פון דעם גיבור, און
אוועקרויבן זיינע זאַכן, אויב ער וועט נישט קודם
כל בינדן דעם גיבור? און דעמלט וועט ער אויסרויבן
30 זיין הויז. ווער עס איז נישט מיט מיר, דער איז
קעגן מיר; און דער, וואָס זאַמלט נישט איין מיט
31 מיר, צעשפּרייט. דערפאַר זאָג איך אייך: יעדע
זינד און לעסטערונג וועט די מענטשן פאַרגעבן
ווערן; נאָר די לעסטערונג פון דעם גייסט וועט
32 נישט פאַרגעבן ווערן. און אויב עס וועט ווער
זאָגן אַ וואָרט קעגן דעם בן־אדם, וועט עס אים
פאַרגעבן ווערן; נאָר ווער עס וועט רעדן קעגן
דעם רוח־הקודש, וועט עס אים נישט פאַרגעבן
ווערן, נישט אין דער דאָזיקער וועלט, נישט
33 לעולם הבא. אָדער מאַכט דעם בוים גוט, און
זיין פרוכט גוט; אָדער מאַכט דעם בוים שלעכט,
און זיין פרוכט שלעכט! וואָרום פון די פּירות
34 דערקענט מען דעם בוים. איר שלאַנגענקינדער,
וויאַזוי קענט איר רעדן גוטס, זייענדיק (אַליין)
בייז? וואָרום פון דער שפע פון דעם האַרץ, רעדט
35 דאָך דאָס מויל. דער גוטער מענטש ברענגט אַרויס
גוטע זאַכן פון זיין גוטן אוצר, און דער בייזער
מענטש ברענגט אַרויס בייז פון זיין בייזן אוצר.